פרשת נשא, י"ד סיון תש"פ לפ"ק
שנה א' גליון ל"ד

**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות.......................8:12
מוצאי שבת ..........................9:43

# קרית ברסלב בלעטל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש
קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## א מעשה פון תפלה

### יוסי שניטצלער

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען זיין שבועות אין שטאט ביים ראש ישיבה, ווי אויך אז דארט ווי איך שטיי איין זאל זיין אנגענעם און געגוג פלאץ פאר אלע געסט וואס קומען דארט, און שכח אייבערשטער אז אלעס האט זיך זייער שיין ארויסגעארבעט. אזוי אויך האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל קענען אהיים גיין מיט'ן ראש ישיבה שליט"א נאכ'ן דאווענען און איך זאל קענען הערן גוטע שיחות, און שכח אייבערשטער איך האב געקענט הערן זייער שיינע שמועסן פון דעם ראש ישיבה - עצות אין לעבן צו וויסן וויאזוי זיך צו פירן אין דעם טאג טעגליכן לעבן.

### יצחק אהרן וויינבערג

א) עס איז שוין א לאנגע צייט וואס איך האב נישט קיין אייגענע קאר, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען האבן א פיינעם קאר, און שכח אייבערשטער אז די וואך האב איך ברוך השם באקומען א גוטע קאר.

ב) יעצט ביי די קאראנע צייט בין איך געווארן אפגעזאגט פון מיין ארבעט אזוי ווי אסאך אנדערע, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן פאר א נייעם ארבעט, און שכח אייבערשטער אז איך האב געטראפן א גוטע נייע ארבעט נישט ווייט פון דעם שטעטל.

### מאטי היימליך

מיין וואסער האט באקומען א רויטע קאליר איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל צוריק ווערן קלארע פיינע וואסער, דער אייבערשטער האט מיר ארייגעשיינט א געדאנק צו לייגן א פילטער אפשר וועט עס העלפן, און שכח אייבערשטער עס האט געהאלפן אז די וואסער זאל ווערן צוריק קלאר.

## סימן טוב ומזל טוב

מיט גרויס פרייד טוהן מיר וואונטשן א
הערצליכן מזל טוב פאר האברך החשוב

**ר' הילל ווייס נ"י וזוגתו תחי'**

צו די געבורט פון זייער מיידל בעבי
למזל טוב

די אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך אידיש נחת, דער אייבערשטער זאל זיי באצאלן אין זכות פון העלפן פאר די סקול מיט געטרייעשאפט.

מיט גרויס פרייד טוהן מיר וואונטשן א
הערצליכן מזל טוב פאר האברך החשוב

**ר' יואל ראזענבערג נ"י**

צו די חתונה פון זיין טאכטער למזל
טוב

די אייבערשטער זאל העלפן ער זאלן זעהן אסאך אידיש נחת, דער אייברשטער זאל אים באצאלן פאר אלעס וואס ער טוט פאר די הצלחה פון די שטעטל.

## נייעס אין שטעטל

### שבועות אין שטעטל

גאר א שיינער יום טוב איז פאראיבער אין שטעטל פאר אלע אנשי שלומינו מיט גאר שיינע תפילות, אזוי אויך איז מען זיך צאמגעקומען בײדע נעכט צו פארלערנען די תנאים און די כתובה און דערנאך האט מען געהערט התחזקות צו זיך באנייען און לערנען תורה שיעורים כסדרן יעדן טאג.

ביי נעילת החג האט מען ארום גערעדט פון דעם וואס מען זעהט יעצט וויאזוי די חתונות זענען געפראוועט געווארן אינטער די שאטן פון קאראנא, אויף א וועג וואס מען האט געמיזט מודה זיין אז די גאנצע חתונה האבן איז נאר געווען לשם שמים, די חתן דארף די כלה און די כלה דארף די חתן - אלעס ארום איז סיווי נישט געווען. די זעלבע שפילט זיך יעצט אפ ווען מען האט חתונה מיט די תורה אין דעם יום טוב שבועות, עס איז נישט דא קיין גרויסע צאמקום'ס עס איז נישט דא קיין באגלייטן'ס און אזוי ווייטער אלע זייטיגע זאכן ארום דעם שבועות, עס בלייבט נאר איבער זיך צו פרייען מיט די תורה אליין - צו אנהייבן לערנען די תורה יעדן טאג מיט א געשמאק און א חיות.

### עירוב נייעס

גאר גוטע נייעס איז אריין געקומען דאנערשטאג ערב שבועות פון די וועד העירוב אז מען האט שוין ברוך השם באקומען די פערמיט צו ענדיגן דעם גרויסן עירוב ארום דעם גאנצן שטעטל, יעצט ארבעט מען זייער פלייסיג עס צו קענען ענדיגן גאר בקרוב - עס זאל זיין אין באניץ פאר אלע איינוואוינער אין שטעטל פאר אלע שבתים ארום דעם יאר.

### נייעס אין תלמוד תורה

גוטע נייעס קומט אריין פון תלמוד תורה אז יעצט נאך יום טוב האט זיך געעפנט א פרישע קלאס פאר די קינדער אין די יארגאנג פון די בר מצוה, די ראש ישיבה שליט"א האט אויסגעקליבן גאר א גוטער מלמד פאר דעם אמט הר"ר יעקב משה אינדארסקי הי"ו, דער מלמד נעמט די קינדער אין פעלד רעדן צום אייבערשטן, ווי אויך גייט ער מיט די תלמידים הפצה.

ווי די מלמדים געבן איבער גייט נישט אריבער א טאג וואס דער ראש ישיבה שליט"א זאל נישט רעדן מיט זיי, זיי מחזק זיין און מדריך זיין ווי אזוי אויפצוברויען די קינדער.

דער ראש ישיבה שליט"א זאגט שטענדיג "מיין זאך איז אונזערע קינדער", איך וועל אלעס טון מיר זאלן האבן ערליכע קינדער.

דער אייבערשטער זאל העלפן די קינדער זאלן מצליח זיין און אויסוואקסן גרויסער ערליכער אידן אזוי ווי דער הייליגער רבי האט געוואלט.

# אַ בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט"א

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר, כ"ח אִיָּר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט מְחַזֵק זַיין דַיין בְּרוּדֶער ... **עֶר זָאל הָאבְּן מֶער שַׁייכוּת מִיט זַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.**

לוֹיט ווִי אִיךְ פַארְשְׁטֵיי און אִיךְ הֶער גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער שְׁוֶועריִקַייטְן - אַזוֹי ווִי עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אַלֶע פוּן אוּנְז. אָבֶּער הֱיוֹת עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שַׁייכוּת מֶער מִיט זַיינֶע חֲבֵרִים וּבִפְרַט מִיט זַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה ווֶוערְט עֶר אַייְנְגֶעגֶעסְן וְכוּ'. בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט אִים מְחַזֵק זַיין עֶר זָאל רוּפְן זַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין מָאל אַ ווָאךְ, און אַז עֶר קֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען זָאל עֶר פְּרוּבִּירְן נָאכְאַמָאל צוּ רוּפְן בִּיז עֶר ווֶעט אָנְקוּמֶען.

שְׁטַארְק זִיךְ און שְׁטַארְק דַיין ווַייבּ; **עֶס אִיז "דַיין" אַרְבֶּעט אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אַ חַיוּת אִין דַיין שְׁטוּבּ**, ווַארְט נִישְׁט אַז אַ צְוֵוייטֶער זָאל עֶס טוּן. הֵייבּ אוֹיף דִי מוּט פוּן דַיין ווַייבּ און קִינְדֶער; טַאנְץ יֶעדְן טָאג מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, ווַייל דֶער עִיקָר און דֶער יְסוֹד פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ אִיז אַז עֶס זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ און גוּט מוּטִיג וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

~~~~~~~~~~~

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר, כ"ח אִיָּר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

טַייעֶרער ...., אִיךְ בֶּעט דִיר הַאלְט זִיךְ מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת. אִיךְ שֶׁעפּ פוּן דִיר אַזוֹיפִיל נַחַת, פוּן דַיין דַאוֶוענֶען און לֶערְנֶען, און בְּעִיקָר פוּן **דַיין שֵׁיינֶע חֲסִידִי'שֶׁע שְׁטוּבּ ווָאס דוּ בּוֹיסְט מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת.**

יֶעצְט ווֶוען עֶס אִיז דִיר עֶנְג אִין פַּרְנָסָה בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן; אַנְטְלוֹיף נִישְׁט... נָאךְ אַבִּיסְל ווֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע... זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים, נָאךְ אַבִּיסְל ווֶועט דִיר גְרִינְגֶער ווֶוערְן.

יֶעצְט ווֶוען עֶס קְווֶועטְשְׁט דִיר וְכוּ' גֵיי אִין אַ ווִינְקְל און גֶעבּ אַ גוּטֶע קְרֶעכְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג: **"טַאטֶע! עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁווֶוער! אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער", וְכוּ', וְכוּ'**; מִיט דִי פָּאר ווֶוערְטֶער ווֶועסְטוּ גֶעבְּן אַ שָׁאקְל אַלֶע הִימְלֶען...

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

~~~~~~~~~~~

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ז סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְּרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַיין ווַייבּ תְּחְיֶ' ווִיל צוּרִיק גֵיין וואוֹינֶען נֶעבְּן אִיר מִשְׁפָּחָה ווַייל זִי אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, זִי אִיז אִיבֶּערְגֶעשְׁטֶרֶענְגְט מִיט דִי קִינְדֶער וְכוּ'; **מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין ווַייבּ** ווֶועט זִי מַסְכִּים זַיין צוּ בְּלַייבְּן וואוֹינֶען אִין... חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידוּשִׁין לד:): "אִשָּׁה - בַּעֲלָהּ מְשַׂמְּחָהּ", דָאס אִיז דֶער אַרְבֶּעט פוּנֶעם מַאן - פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי ווַייבּ.

חוּץ מִזֶה ווֶועסְטוּ פַארְדִינֶען אוֹיךְ אִין פַּרְנָסָה, אַזוֹי ווִי רָבָא הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי שְׁטָאט מְחוּזָא (בָּבָא מְצִיעָא נט.): "אוֹקִירוּ לִנְשַׁיְכוּ, כִּי הֵיכִי דְּתִתְעַתְּרוּ", זַייט מְכַבֵּד אַייעֶרֶע ווַייבֶּער ווֶועט אִיר ווֶוערְן רַייךְ; אַז דוּ ווֶועסְט אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן, דוּ ווֶועסְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִיר ווֶועט זִי מַסְכִּים זַיין צוּ בְּלַייבְּן מִיט דִיר וואוֹינֶען וואוּ דוּ ווִילְסְט.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע ווֶועגְן.**

~~~~~~~~~~~

האר שניידן פאר קינדער
רופט משפחת טייטעלבוים
845-376-0380

צו באשטעלן פרישע געבעקסן
רופט משפחת אינדארסקי
845-219-0699

בית התבשיל
רופט שלמה יאקאבאוויטש נ"י
845-637-5367
~~~~~~~~~~~